**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנטפלעקט 180 מיליאן דאלערדיגע 'איטעק' פארשונג און ענטרעפעניורשאפט קאמפלעקס

***טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג ביי די 'הערימען סטעיט' אפיס קאמפוס באשטייט פון לאבאראטאריעס, קלאסרומס און א ביזנעס אינקובאטאר אין איינקלאנג מיט יו-אלבאני'ס הויפט פארשונג פעאיגקייטן אין קלימאט וויסנשאפט, דיזעסטער פארברייטערונג און סייבער-סעקיוריטי***

***בילדער צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אינאיינעם מיט סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ביי אלבאני, אנטפלעקט איר טעכנאלאגיש פארגעשריטענע נייע ['איטעק' פארשונג און אנטוויקלונג קאמפלעקס](#) געאייגנט אויף צוזאמצוברענגען וויסנשאפטלער און ענטרעפעניורס פון איבער פארשידענע געביטן צו ארבעטן געמיינזאם אויף צו געפונען לייזונגען צו דער געזעלשאפט'ס מערסט קאמפליצירטע פאדערונגען.

"ענערגיע-שפארעדיגקייט טרעפט זיך מיט היי-טעק אינאוואציע מיט דאס עפענען פון 'איטעק' און וועט פארזעצן ווייטער צו לייגן ניו יארק סטעיט אויף דער מאפע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קלימאט און בילדונג זענען צוויי הויכע פריאריטעטן פאר מיין אדמיניסטראציע און איך שטאלציר מיך פון די טריט וואס SUNY נעמט אויף צו מינימיזירן זייער ווירקונג אויף דער ענווייראָנמענט און שאפן א ריינערע, גרינערע צוקונפט ווי אויך פארזיכערן א ערשטראנקיגער בילדונג."

די 180 מיליאן דאלערדיגע איינריכטונג איז דער עפיצענטער פון אסאך פון דער אוניווערסיטעט'ס פארשונג קענטעניסן, אריינגערעכנט קלימאט וויסנשאפט, עמערדזשענסי צוגעגרייטקייט און סייבער-סעקיוריטי. אלס א צענטער פאר פארשונג, שטודירן, פרקטישע לערנונג און קאמערציעלע אנטוויקלונג, איז 'איטעק' געאייגנט אויף אונטערצושטיצן אינטער-געביטליכע געמיינזאמע ארבעט צווישן סטודענטן, איינגעשטעלטע און ענטרעפעניורס איבערצוזעצן נייע ידיעות אויף אינאווירנדע לייזונגען צו בויען א מער באפעסטיגטע און עקאנאמיש לעבהאפטע ניו יארק.

מיט 246,000 סקווער פיס, איז 'איטעק' איינע פון יו-אלבאני'ס גרעסטע און מערסט ענערגיע-שפארעדיגע געביידעס און פארטרעט א באדייטנדע גריכפונקט אין SUNY'ס אנטשלאסנקייט צו העכערן אויסהאלטבארקייט. מיט'ן געהייצט און געקילט ווערן דורך 190 געאטערמאלע קוועלער און טיילווייז באקרעפטיגט דורך באלד 4,800 סאָלאַר פענעלס אויף אלבאני אוניווערסיטעט'ס אָפּטאון קאמפוס, טוהט 'איטעק' פארשטעלן א מוסטער פון א גענצליך עלעקטרישע איינריכטונג געבויט אויף צו דערגרייכן LEED פלאטינום סערטיפיקעישען און פאראויסגעזעהן צו נידערן יערליכע ענערגיע קאסטן מיט באלד 70 פראצענט ווען צוגעגליכן צו אן ענליכע בעיסליין געביידע.

הויכע רעזאלוציע בילדער פון ׳איטעק׳ זענען צו באקומען אין דעם אלבאני אוניווערסיטעט בילדער גאלעריע.

מיטוואך׳ס אנטפלעקונג איז געווען די שפיץ פון א בליק וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2012 ביי יו-אלבאני׳ס מארקיז פראיעקט אונטער דער NYSUNY 2020 פארמעסט גרענט פראגראם. דער ׳איטעק׳ וויזיאן, געשטיצט דורך 35 מיליאן דאלער אין NYSUNY 2020 פאַנדינג, איז געוואקסן גרעסער און מער אמביציעז ווען אלבאני אוניווערסיטעט האט זיך אנגעשלאסן מיט ניו יארק סטעיט צו פלאצירן די געביידע אויף די שכינות׳דיגע הערימען סטעיט אפיס קאמפוס — דאס ערשטע מאל פאר יו-אלבאני. די איינריכטונג, ארגינעל גערופן די ׳איפקומענדע טעכנאלאגיע און ענטרעפּרענורשאפט קאמפלעקס׳, איז היינט באקאנט פשוט אלס ׳איטעק׳.

**א נייע תקופה פון פארשונג ביי יו-אלבאני**

**SUNY קאנצעלאר דזשים מאלאטראס האט געזאגט,** "דער עפענונג פון ׳איטעק׳ פארשונג און ענטרעפּרענורשאפט קאמפלעקס צייגט ווי סטעיט אינוועסטירונג אין פובליק העכערע עדיוקעישן קען ברענגען אמת׳ע און ריזיגע רעזולטאטן וואס געבן אונזערע סטודענטן די העכסטע קוואליטעט און טעכנאלאגיש-פארגעשריטענסטע בילדונג וואס איז נאר דא צו באקומען. איך באדאנק זיך פאר גאווערנער האקול, סטעיט לעגיסלאטיווע פירער און ארטיגע פירער וועלכע האבן געגלויבט אין SUNY און דער וויזיאן פון דער איינריכטונג צונויפצוברענגען א ברייטער ריי סטודענטן, בילדונג פראפעסיאנעלן, אינדוסטריע פירער און ענטרעפּרענורס צו לייזן פילע פון די וועלט׳ס גרעסטע ענווייראנמענטאלע פאדערונגען אונטער איין SUNY דאך. איך בין דערהייטערט פאר אונזערע סטודענטן און איינגעשטעלטע, און די צוקונפטיגע דורות, וועלכע וועלן לערנען אין דעם פרעכטיגן געביידע און נעמען זייער בילדונג און פארשונג צו נייע שטאפלען."

**אוניווערסיטעט ביי אלבאני פרעזידענט האווידאן ראדריגעז האט געזאגט,** "דער עפענונג פון ׳איטעק׳ איז א ריכטיגער גרייכפונקט אין יו-אלבאני׳ס היסטאריע. דער שפיל-ענדערנדע איינריכטונג טוהט נישט נאר פארקערפערן דער אוניווערסיטעט׳ס נאציאנאל-פירנדע אקאדעמישע און פארשונג אייגנשאפטן, נאר עס פארטרעט אויך אונזער אנטשלאסנקייט צו אדרעסירן די גרעסטע פאדערונגען וואס די מענטשהייט און דער פלאנעט האבן איסצושטיין. מיט ׳איטעק׳ טוהען מיר אריינבאגלייטן א נייע תקופה פון הויכע-ווירקונג געמיינזאמע ארבעט וואס וועט צוזאמברענגען סטודענטן, פארשער, און פובליק און פריוואטע סעקטאר צוזאמענארבעטער כדי צו שאפן א בעסערע צוקונפט פאר אונזערע קאמיוניטיס און פאר דער וועלט."

׳איטעק׳ איז דער היים פאר יו-אלבאני׳ס ערשט-אין-לאנד׳יגע קאלעדזש פון עמערדזשענסי גרייטקייט, היימלאנד סעקיוריטי און סייבער-סעקיוריטי; דער קאלעדזש פון אינזשינערונג און פראקטישע וויסנשאפט׳ס דעפארטמענטס פון ענווייראנמענטאלע און אויסהאלטבארע אינזשינערונג און עלעקטרישע און קאמפיוטער אינזשינערונג; יו-אלבאני׳ס ברייטערע וועטער-קלימאט אונטערנעמונג, אריינגערעכנט די וועלט-בארימטע אטמאספערישע וויסנשאפט פארשונג צענטער און צענטער פון אויסצייכענונג אין וועטער און קלימאט אנאליטיקס; און דער קאלעדזש פון קונסט און וויסנשאפט׳ס דעפארטמענט פון אטמאספערישע און ענווייראנמענטאלע וויסנשאפטן ווי אויך דער דעפארטמענט פון כעמיע פארשונג לאבאראטאריעס.

דער געביידע איז אויך דער היים פון דער יו-אלבאני-אפערירטע ניו יארק סטעיט מעסאנעט, די מערסט פארגעשריטענע סטעיט-ברייטע פריצייטיגע באווארענונג וועטער-דערשפירונג סיסטעם אין דעם לאנד, און הויפט צוזאמענארבעטער ווי דער ראיאנישע פּראָקעסט אפיס פון דער נאציאנאלער וועטער סערוויס.

**דירעקטאר פון דער נאציאנאלער וועטער סערוויס לואיס דאָבליו. אוצעליני האט געזאגט,** "דער נאציאנאלער וועטער סערוויס שטאלצירט זיך פון אונזער צענדליג יאריגע צוזאמענארבעטשאפט מיט אוניווערסיטעט ביי אלבאני. מיר קוקן ארויס אויף פארשטערקערטע צוזאמענארבעט און טיפערע געלעגנהייטן פאר אינטער-געביטליכע צוזאמענארבעט ערמעגליכט דורך דער נייער איינריכטונג, וואס וועט פארבעסערן ארטיגע פאָרקעסטן און ווארענונגען פאר עקסטרעמע וועטער און וואסער פאסירונגען און דאס צושטעלן ווירקונג-באזירטע באשלוס שטיצע סערוויסעס פאר קאמיוניטי גרייטקייט, אפרוף און באפעסטיגונג."

**איינזייען עקאנאמישע וואוקס דורך צוזאמענארבעט פון פארשער און ענטרעפעניורס**

ביזנעס אנטוויקלונג סערוויסעס וואס שטיצן איינגעשטעלטע פארשונג און טרייבן עקאנאמישע וואוקס זענען צענטראל צו דער 'איטעק' וויזיאן. דער יו-אלבאני אינאוואציע צענטער אינקובאטאר אקופירט א טייל פון דעם ערשטן שטאק, אינאיינעם מיט די קלענערע ביזנעס אנטוויקלונג צענטער, קאמערציעליזאציע און טעכנאלאגיע טראנספער אפיסעס ווי אויך פריוואטע צוזאמענארבעטער ווי טרו-וועטער לייזונגען. צווייי ענטרעפעניורס-אין-רעזידענץ וועלן העלפן פירן איינגעשטעלטע, פארשער און זעלבסטשטענדיג ענטרעפעניורס דורך די ערשטע קריטישע טריט אויף אריינצובאגלייטן זייערע ערפונדונגען צו דעם מארקעט.

**פרעזידענט פון דעם קאפיטאל ראיאן טשעימבער און דער צענטער פאר עקאנאמישע וואוקס מארק איגען האט געזאגט,** "איינריכטונגען ווי 'איטעק' טרייבן די פארגעשריטענסטע פארשונג און אנטוויקלונג, שטיצע פאר ענטרעפעניורס, און פירן טעק סטאַרטאָפּס דורך קאמערציעליזאציע ביז עקאנאמישע וואוקס. דער קאפיטאל ראיאן איז ערפאלגרייך אין אויסניצן די פארשונג כוח פון אונזערע אוניווערסיטעטן צו שאפן טעק הויפנס מיט סאָליד עקאנאמישע ווירקונגען, און איך זעה ווי דאס קומט פאר ביי דער אוניווערסיטעט ביי אלבאני אין די געביטן פון סייבער-סעקיוריטי, אטמאספערישע וויסנשאפט און ענווייראָנמענטאלע און אויסהאלטבארע אינזשינערונג."

'איטעק' ניצט אויך אויס איר מעלה וואס קיין איין אנדערע אוניווערסיטעט האט נישט: יו-אלבאני'ס נאענטקייט צו דעם נערוון צענטער פון ניו יארק סטעיט רעגירונגשאפט. צוליב איר ארט אויף הערימען סטעיט אפיס קאמפוס, שטעלט 'איטעק' סטודענטן, איינגעשטעלטע און שטאב אויפ'ן שוועל פון טיר פון פארנט ליניע פובליק אגענטורן וואס אנטוויקלען און פירן איין פּאָליסי וואס זענען נוגע פאר זייער פארשונג געביטן. די נאענטקייט גיבט אויך אומפארגלייכבארע פראקטישע לערנונג געלעגנהייטן פאר יו-אלבאני סטודענטן.

פיגורירנדע ערטער אינדערינען אין 'איטעק' רעכענען אריין א באשלוס-טעאטער צו ערמעגליכן פאר איינגעשטעלטע און סטודענטן נאכצומאכן עכט-וועלטיגע עמערדזשענסי אפרוף פאסירונגען, א שאפערישע לאבאראטאריע פאר ראבאט און דראָון קאנסטרוקציע, א הויך-קרעפטיגער 'עקס-סייט לעבּ' קאמפיוטניג צענטער פאר קאמפליצירטע דאַטע וויזואליזאציעס און אנאליז, א באלד זעקס-פיסיגע רינדיגע גלאָוב פאר נאכשפירן האריקעינס און אנדערע וועטער סיסטעמס איבער דער וועלט, א געלעזערנע פינפטע שטאק אבסערוואציע צימער צו האלטן אן אויג אויף אנקומענדע שטורעמעס, און אן אויפ'ן-דאכיגער געצייג דעק פאר ארויסשיקן וועטער באלונען און אנדערע עקספערימענטן. די געביידע פיגורירט אויך א טייל פון גרינע דאך פאר אויסלערנען, פארשן און שטורעם-וואסער קאנטראל.

'איטעק' איז געשטיצט געווארן מיט 750,000 דאלער אין אינצענטיוון פון דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA).

**באדייטנד באהעפטן דער יו-אלבאני און הערימען קאמפוסן**

א נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועגל באהעפט ׳איטעק׳ און דער הערימען קאמפוס צו די איבעריגע יו-אלבאני׳ס אָפּטאון קאמפוס צו דערמוטיגן סטודענטן, איינגעשטעלטע און שטאב צו גיין צופיס אדער מיט ביציקלען צווישן די צוויי, רעדוצירן געדראנג און גאז ארויסלאז פארבינדן מיט איינציגע-אקופאנט קאַר טריפס. דורך ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס (OGS) און דער קאפיטאל דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט האט יו-אלבאני געבויט א נייע ראוד וואס באהעפט צווישן די צוויי קאמפוסן צו פלאסטערן דעם וועג פאר CDTA׳ס נייע פּורפּל ליניע באס רעפּיד טראנזיט סערוויס, וואס וועט דראמאטיש רעדוצירן רייזע צייט צווישן יו-אלבאני דאונטאון און אָפּטאון קאמפוסן. דער נייער קאנעקטאר ראוד איז נישט אפן צו פריוואטע וויהיקלס.

׳איטעק׳ איז אויסגעטיליזירט געווארן דורך קאנאן-דעזיין ארכיטעקטור און אינזשינערונג, און געבויט דורך קאנסיגלי קאנסטרוקציע קא. אינק., אונטער די פארוואלטונג פון טורנער קאנסטרוקציע קאמפאני און די סטעיט אוניווערסיטעט קאנסטרוקציע פאָנד. יו-אלבאני האט געבראכן ערד אויפ׳ן פראיעקט אין אפריל 2018, און דער געביידע איז געווען אין גרויסן טייל פארענדיגט אין יולי 2021 — אין צייט און לויט׳ן בודזשעט טראץ דעם קאָוויד-19 פאנדעמיק.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** "די אוניווערסיטעט ביי אלבאני׳ס ׳איטעק׳ קאמפלעקס פירט דעם וועג אלס א מוסטער פאר אויסהאלטבארקייט און ענערגיע-שפארעדיגקייט מיט איר באניץ פון געאטערמאלע טעכנאלאגיע, ריינע, באנייבארע סאָלאַר ענערגיע און איר פאראויס-ציען פון בילדונג, פארשונג, אנטוויקלונג און געמיינזאמע ארבעט וואס איז קריטיש אונטערצושטיצן לייזונגען צו די מערסט-דרינגענדע גלאבאלע זארגן פון אונזער צייט — אריינגערעכנט קלימאט ענדערונג. עס פארקערפערט ניו יארק סטעיט׳ס אינאווירנדע גייסט און אנטשלאסנקייט צו שטיצן ביזנעס אנטוויקלונג אלס טייל פון אונזער וואקסנדע גרינע עקאנאמיע און NYSERDA שטאלצירט זיך צו שטיצן דעם פראיעקט."

**עקטינג ניו יארק סטעיט היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי פארוואלטונג סערוויסעס קאמישענערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן דעם אוניווערסיטעט אויף דער ׳איטעק׳ עפענונג. אזוי ווי די לעצטע טעליכע יאר האבן ברוטאליש פעסטגעשטעלט, זענען מיר אין דרינגענדע נויט פאר געמיינזאמע ארבעט וואס ברענגט צוזאם רעגירונג, דער פריוואטער סעקטאר, און אקאדעמיע צו נישט נאר שטיצן פארשונג און אנטוויקלונג אין קלימאט ענדערונג, עקסטרעמע וועטער, און עמערדזשענסי גרייטקייט נאר אויך אויף גיך צו ברענגען די בעסטע פארשונג אויף עכט-צייטיגע אפעראציעס. DHSES האט זיך שטאלצירט צו שטיצן די אנטוויקלונג פון דעם צענטער און קוקט ארויס אויף אויסצוניצן די ארבעט וואס וועט געטוהן ווערן צו בעסער אפהיטן אלע ניו יארקער."

**עקטינג אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס קאמישענערין דזשענעט מאוי האט געזאגט,** "דער ׳איטעק׳ קאמפלעקס שטייט ארויס אלס א מוסטער פון די גרויסע זאכן וואס קענען אויפגעטוהן ווערן ווען סטעיט אגענטורן טיילן מיט די מיטלען און ארבעטן געמיינזאם. מיר ביי OGS שטאלצירן זיך מיט אונזער ראלע אין בויען א מער-אויסהאלטבארע און באפעסטיגטע ניו יארק סטעיט און עס פריידט אונז צוצולייגן דעם פראיעקט צו די פילע ערפאלגן וואס מיר האבן געזעהן אויף ביידע קאמפוסן."

**סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז דער ׳איטעק׳ געביידע איז שוין ענדליך פערטיג. ווען איך האב באזוכט דעם געביידע פריער דעם זומער, בין איך פארכאפט געווארן פון סיי די אנטשלאסנקייט צו ענווייראנמענטאלע אויסגעהאלטקייט און די טיפקייט פון די פראגראמען וועלכע זענען פלאצירט אינדערינען. דער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע געביידע און די פראגראמען דא אנגעבאטן וועלן דערמוטיגן נאך מער פון די שענסטע און בעסטע מוחות צו קומען קיין אלבאני אויף צו

שטודירן און ארבעטן. קאנגראטולאציעס צו דער אוניווערסיטעט ביי אלבאני און צו אלע סטעיקהאָלדערס אין העלפן דעם פראיעקט געפונען ערפאלג."

**סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "עס איז אומגלויבליך דערהייטערנד צו זעהן אונזער אייגענע אוניווערסיטעט ביי אלבאני פארברייטערט איר פארגעשריטענסטע פארשונג קענטעניס אויף די קריטישע געביטן פון קלימאט וויסנשאפט, עמערדזשענסי גרייטקייט און סייבער-סעקיוריטי. אזוי ווי דער קלימאט קריזיס ערגערט זיך, מוז ניו יארק זיין דער היים בעיס פאר ערשטראנקיגע איינריכטונגען, ווי ׳איטעק׳, וואס ברענגען צוזאם אונזערע בעסטע אקאדעמישע טאלאנטן מיט ביזנעס פירער צו פראדוצירן די וויסנשאפט און טעכנאלאגישע אינאוואציע וואס וועט ברענגען לאנג-טערמיניגע לייזונגען. ׳איטעק׳ איז א שיינענדע ביישפיל פון אן איינריכטונג וואס שטייט גרייט צו מאכן דעם קאפיטאל ראיאן א גלאבאלער פירער אין ענווייראנמענטאלע אנאליז און עמערדזשענסי גרייטקייט — אלס בשעת׳ס דינען אלס מוסטער פאר ענערגיע-שפארעדיגע געביידע דעזיין וואס וועט אינפארמירן שכל׳דיגע אנטוויקלונג לענגאויס אונזער סטעיט. איך קען קוים ווארטן צו זעהן די אויסגעצייכנטע ארבעט וואס וועט ארויסקומען פון דער וועג-פירנדע קאמפלעקס און איך וועל ווייטער פארזעצן צו טוהן אלץ וואס איך קען צו שטיצן איר נויטיגע אויפגאבע."

**אסעמבלי-מיטגליד פעטרישע פעהי האט געזאגט,** "SUNY און יו-אלבאני זענען פאר ווייטער צו פירן א וועג פאראויס פאר דעם קאפיטאל ראיאן און ניו יארק אין 21׳סטע יארהונדערט קלימאט, עקסטרעמע וועטער, און עמערדזשענסי גרייטקייט און אפרוף. נישט נאר וועט דער נייער ׳איטעק׳ קאמפלעקס אנטהאלטן דער ניו יארק סטעיט מעסאנעט, אטמאספערישע וויסנשאפט פארשונג צענטער, און ראיאנישע נאציאנאלער וועטער סערוויס יוניט, נאר עס וועט אויך אויפנעמען עטליכע קאלעדזשעס, צו ערמעגליכן פאר סטודענטן צו באקומען מיט-די-הענטיגע טרענירונג און פארשונג ערפארונג. דאס וועט צעמענטירן דעם קאפיטאל ראיאן און יו-אלבאני אלס אן אויפקומענדע פירער אין קלימאט און וועטער פארשונג און גיבט צו צו א וואקסנדע קאמפלעקס פון פארשונג און אקאדעמיש-באזירטע אנטוויקלונג אין און ארום יו-אלבאני׳ס אָפטאון קאמפוס. דער צוקונפט איז ליכטיג אין דעם קאפיטאל ראיאן און ביי יו-אלבאני צוליב וואס אונזער מאכטפולע צוזאמענארבעטשאפטן וואס זענען פאר ווייטער צו ליפערן אויף א ריזיגן אופן, גענוי ווי דאס."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן טי. מעקדאנעלד, דריטער, האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו יו-אלבאני אויפ׳ן עפענען פון זייער ׳איטעק׳ פארשונג און אנטוויקלונג קאמפלעקס. דער קאפיטאל ראיאן איז דער היים פאר אינדוסטריעס וועלכע שטייען ביים פארנט פון טעכנאלאגיע און אינאוואציע, און דער נייער צענטער וועט פאקוסירן אויף אויסגעהאלטנקייט, אנטוויקלען קלענערע ביזנעסער, און אנדערע פארשונג געביטן וואס בויען אויף די שטארקייטן און אייגנשאפטן וואס אונזער ראיאן טוהט אנבאטן. יו-אלבאני בויט אויף קאמיוניטי צוזאמענארבעטשאפטן אן זעצט פאר ווייטער צו ארבעטן מיט סטעיט שותפים צו פאראויס-פירן די אמביציעזע צילן, און איך בין דאנקבאר פאר זייער ארבעט און איך קוק ארויס אויף צו זעהן אלע פאזיטיווע אנטוויקלונגען וואס וועלן ארויסקומען פון ׳איטעק׳."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דעניעל פי. מעקאוי האט געזאגט,** "לעבנס וויסנשאפט אן היי-טעק אנטוויקלונג זענען צווי פון דעם קאפיטאל ראיאן׳ס פירנדע אינדוסטריעס, און די אוניווערסיטעט ביי אלבאני׳ס נייע איינריכטונג קאפיטאליזירט אויף דער יסוד, אינאיינעם מיט זייערע אייגענע קענטעניסן אין קלימאט וויסנשאפט און עמערדזשענסי גרייטקייט כדי צו קענען לייזן געוויסע פון די גרעסטע פאדערונגען וואס מיר שטייען אויס אלס אן ארטיגע און א גלאבאלער קאמיוניטי. קלימאט ענדערונג איז מער נישט עפעס א באהאלטענע קאנצעפט, און מיר דארפן זיין גרייט פאר די שטייגנדע חורבנות-ברענגנדע ווירקונגען פון עקסטרעמע וועטער פאסירונגען. איך וויל דאנקען יו-אלבאני און פרעזידענט ראדריגעז פאר׳ן זיין צוזאמענארבעטער פאר אלבאני קאונטי אין דעם קאמף בשעת מיר אנטוויקלען אונזער אייגענע קלימאט באפעסטיגונג פלאן און גרייטן זיך פאר׳ן צוקונפט."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "די עפענונג פון דער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג ציינגט אויף די אנטשלאסנקייט פון יו-אלבאני און SUNY פירערשאפט בשעת אלבאני זעצט פאר ווייטער צו פירן דעם וועג אין בילדונג, פארשונג און טעכנאלאגיע. ׳איטעק׳ איז אן ארט פאר געמיינזאמע ארבעט וואס וועט זיין א טובה פאר סטודענטן, פארשער און פובליק און פריוואטע סעקטאר צוזאמענארבעטער איז זייערע באמיאונגען צו א געמיינזאמע ציל פון פארבעסערן וויסנשאפט און אינאוואציע אין עטליכע געביטן, אריינגערעכנט די ערשט-אין-לאנדיגע קאלעדזש פון עמערדזשענסי גרייטקייט, היימלאנד סעקיוריטי און סייבער-סעקיוריטי. איך בין דערהייטערט צו זעהן די תוצאות פון ׳איטעק׳ און איך האף אז איר נאענטקייט צו ניו יארק סטעיט רעגירונג וועט רעזולטירן אין אנטוויקלען און איינפירן פּאָליסיס וועלכע וועלן העלפן פארבעסערן די לעבנס נישט נאר פון אלבאני איינוואוינער נאר אויך פון אונזערע שכנים לענגאויס דעם סטעיט און דעם לאנד."

**<u>איבער די אוניווערסיטעט ביי אלבאני</u>**

אן אויספירליכע פובליק פארשונג אוניווערסיטעט, טוהט אנבאטן דער אוניווערסיטעט ביי אלבאני-SUNY אנבאטן מער ווי 120 אונטערגראדואיר מעידזשערס און מיינארס און 125 מאגיסטער, דאקטארעלע און גראדואירער סערטיפיקאט פראגראמען. יו-אלבאני איז א פירער צווישן אלע ניו יארק סטעיט קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין אזעלכע פארשידנמיניגע געביטן ווי אטמאספערישע און ענווייראנמענטאלע וויסנשאפטן, ביזנעס, בילדונג, פובליק געזונטהייט, געזונטהייט וויסנשאפט, קרימינאלע יוסטיץ, עמערדזשענסי גרייטקייט, אינזשינערונג און פראקטישע וויסנשאפטן, אינפארמאטיקס, פובליק אדמיניסטראציע, סאציעלע וואוילזיין און סאציאלאגיע, אויסגעלערנט דורך א ברייטע ראסטער פון איינגעשטעלטע מומחים. עס טוהט אויך אנבאטן אקאדעמישע און פארשונג געלעגנהייטן פאר סטודענטן דורך א פארבינדונג מיט אלבאני לאו סקול. מיט א שטודיר סדר פארשטערקערט דורך 600 אויסלאנד-שטודיר געלעגנהייטן, טוהט יו-אלבאני אוועקשטעלן אויסגעצייכנטע קאריערעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן